ב"ה

# טעראפי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 51

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## די פאריאריגע קבלות האב איך נישט איינגעהאלטן, וואס טו איך דאס יאר?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך וועל פרעגן איבער עפעס וואס לאזט מיר ממש נישט קיין מנוחה. עס דערנעענטערט זיך די הייליגע טעג, און איך דערמאן זיך פון פאריאר פאר די ימים נוראים, ווען איך האב תשובה געטון און איך האב צוגעזאגט פאר'ן אייבערשטן אז איך גיי שוין זיין וואויל און ערליך, איך גיי שוין אנהייבן דאווענען און לייגן תפלין יעדן טאג, און איך האב דאס טאקע געמיינט מיט'ן גאנצן הארץ, ווען עס איז אבער געקומען למעשה, איך האב פרובירט, אבער איך האב נישט איינגעהאלטן מיין צוזאג.*

*דאס יאר ווייס איך נישט ווי אזוי צוצוגיין צו די הייליגע טעג, איך ווייס אז איך קען נישט צוזאגן אז איך גיי דאווענען און לייגן תפלין און לערנען יעדן טאג, ווייל איך זע אז איך האלט עס סיי ווי נישט איין, אבער פון די אנדערע זייט וויל איך אבער יא אזוי שטארק זיין אן ערליכער איד. וואס טוט מען דא?*

*איך בעט דער ראש ישיבה שליט"א זאל מיר געבן חיזוק, ווייל איך האב שוין פרובירט אזויפיל מאל, און איך שפיר איך ווער שוין מיואש פון אזויפיל מאל דורכפאלן.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' לסדר כי תבוא לאומאן, ט"ו אלול, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס טוט מיר זייער וויי צו הערן פון דיר אז דו ביסט אראפגעפאלן וכו' און דו האסט שוין נישט קיין כח נאכאמאל אנצוהייבן וכו'.

### וואס טוסטו ווען דו פאלסט אראפ אין גאס?

איך פארשטיי נישט פארוואס דו ביסט אזוי געפאלן ביי דיר; טראכט אריין, ווען א מענטש פאלט בגשמיות, ער גייט אין גאס און פאלט אראפ, וועט ער זיך שטענדיג אויפהייבן, אפילו ער זאל שוין האבן געפאלן אן א שיעור מאל וועט ער זיך שטענדיג אויפהייבן, דו וועסט קיינמאל נישט זען א מענטש ליגן אין גאס און זיך נישט אויפהייבן מיט'ן אויסרייד: "איך הייב זיך מער נישט אויף, איך האב שוין אסאך מאל פרובירט און עס גייט מיר נישט", נאר וויפיל מאל א מענטש זאל נאר פאלן וועט ער זיך שטענדיג אויפהייבן פונדאסניי.

### פארוואס ביי רוחניות זאלסטו בלייבן ליגן אויף דער ערד?

אזוי אויך ווען א מענטש פאלט און ער צעברעכט זיך די הענט אדער פיס וועט מען אים נעמען אין שפיטאל, אים לייגן א גיפס וכו'; האסטו שוין געהערט אז א מענטש זאל זאגן: "איך בלייב מיט'ן צעבראכענעם ביין, איך גיי דאס נישט פאררעכטן, איך בין שוין אזויפיל מאל געפאלן"? קיינמאל וועסטו נישט הערן אזאנס פון איינעם; דעמאלט פארוואס ברוחניות זאלסטו בלייבן ליגן אויף דער ערד און זאגן: "איך האב שוין פרובירט און עס גייט נישט"? פארוואס זאלסטו נישט זאגן: "כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי" (מיכה ז, ח), איך בין געפאלן און איך הייב זיך אויף, איך האב פרובירט פאריאר איך וועל נאכאמאל פרובירן, איך האב פאריאר צוגעזאגט איך גיי זיין גוט, יעצט גיי איך נאכאמאל צוזאגן איך גיי זיין גוט.

### זאג עס נאכאמאל אפילו דו האסט עס שוין געזאגט נעכטן

דערפאר בעט איך דיר טייערער ליבער חבר: טו תשובה פונדאסניי; זאג נאכאמאל פאר'ן אייבערשטן: "**רבונו של עולם, איך גיי זיין גוט**"; אפילו דו האסט שוין געזאגט נעכטן די זעלבע ווערטער זאלסטו יעדעס מאל פונדאסניי תשובה טון.

### די ווערטער טוען אויף פאר די גאנצע וועלט

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון תשובה; תשובה איז אזוי גרויס אז חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה - שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלּוֹ", תשובה איז אזוי גרויס, אז ווען א מענטש טוט תשובה איז מען מוחל פאר אים און פאר די גאנצע וועלט; זאג די ווערטער פאר'ן אייבערשטן: "**רבונו של עולם, איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל זיין א צדיק; וואס זאל איך טון אז דער יצר הרע ברענט אין מיר און ער ווארפט מיר אראפ נאכאמאל און נאכאמאל? רבונו של עולם איך שעם זיך פון דיר, יעדע מאל זאג איך דיר צו אז איך גיי זיין גוט און ערליך און נאכדעם פאל איך צוריק צו מיינע אלטע מעשים; איך בין שוין אזוי מיואש פון תשובה טון, איך שפיר ווי איך האב נישט די מעגליכקייט תשובה צו טון. הייליגער באשעפער האב אויף מיר רחמנות, איך וויל זיין אן ערליכער איד; העלף מיר אז איך זאל נישט טון קיין נארישקייטן, העלף מיר אז איך זאל זיין פרייליך און נישט צוריק גיין צו די שלעכטע מעשים**";

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס די פאר ווערטער טוען מיט'ן מענטש און פאר די גאנצע וועלט, מען איז מוחל דעם מענטש און מען איז מוחל פאר יעדן איינעם.

## א שיעור אין גמרא וועט דיר מאכן גרינגער

מאך זיך א שיעור אין גמרא; לערן די הייליגע גמרא וועט דיר זיין גרינגער צו געווינען די מלחמה. גמרא איז נוטריקון די ראשי תיבות ג'בריאל מ'יכאל ר'פאל א'וריאל, די פיר מלאכים וועלכע היטן דעם מענטש, אז דו וועסט לערנען גמרא וועט דיר דער אייבערשטער היטן פון צוריק פאלן אין נישט גוטע מעשים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן. א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

## וואס זאל איך רעדן מיט מיינע תלמידים אין חודש אלול?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א, איך האב געוואלט פרעגן ווי אזוי און וואס מ'זאל רעדן מיט די קינדער, אין די טעג פון חודש אלול, פאר די הייליגע טעג. מיינע תלמידים זענען 8 יאר אלט.*

*איך וועל זיך פרייען צו באקומען אפאר ווערטער לתועלת די תלמידים.*

*יישר כח און א כתיבה וחתימה טובה.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת כי תצא, ד' אלול, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בין דיר אזוי מקנא מיט דיין הייליגע ארבעט; דו זיצט מיט קליינע קינדער, ריינע נשמות, אכט יעריגע קינדער וואס וויסן נאך נישט פון קיין פראבלעמען אין לעבן, זיי שלינגען יעדעס ווארט וואס דער מלמד זאגט, יעדעס ווארט פונעם מלמד גייט אריין טיף טיף אין זייערע ריינע הערצער.

א מלמד וואס האט די ריכטיגע הקדמות, ער ווייסט ווי אזוי צו רעדן און וואס צו רעדן - קען ער ברענגען די קינדער צו א מורא'דיגע שטארקייט, די קינדער וועלן אויפוואקסן גרויסע צדיקים, זיי וועלן וויסן זייער גאנץ לעבן די וועג ווי אזוי זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטן.

### דאס גרויסקייט פון תשובה

לייג אריין אין די קינדער דאס גרויסקייט פון תשובה; דער אייבערשטער שטייט און ווארט מען זאל אים איבערבעטן, מען זאל אים צוזאגן אז מען גייט זיין וואויל. לייג אריין אין די קינדער דאס רחמנות פונעם אייבערשטן, ווי ער וויל נאר גוטס, ער וויל נישט שטראפן אידישע קינדער, ער ווארט מען זאל זיך צוריקקערן צו אים.

דערציילט זיי מעשיות פון די הייליגע חכמים איבער דאס גרויסקייט פון תשובה, דערציילט זיי מעשיות פון צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען צוריק צו ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן, זיי האבן קיינמאל נישט אויפגעגעבן אויף קיין שום מענטש; ווי ווייט מען איז פארקראכן קען מען זיך צוריקקערן צום אייבערשטן.

**איך בין געפאלן און איך הייב זיך אויף, איך האב פרובירט פאריאר, איך וועל נאכאמאל פרובירן, איך האב פאריאר צוגעזאגט איך גיי זיין גוט, יעצט גיי איך נאכאמאל צוזאגן איך גיי זיין גוט.**

### די פשוט'ע וועג פון תשובה

רעד נישט צו זיי קיין הויכע זאכן; עבודות פון צדיקים פון תעניתים און סיגופים. רעד צו זיי דעם רבינ'ס ווערטער, די פשוט'ע וועג פון תשובה, ווי דער אייבערשטער איז מוחל ווען מען זאגט ארויס פשוט'ע ווערטער: "איך וויל זיין גוט", "איך גיי שוין זיין גוט", "איך גיי מער נישט טון די עבירה", וואס דעמאלט איז דער אייבערשטער גלייך מוחל דעם מענטש, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תורת כהנים, בחוקותי) דער אייבערשטער זאגט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", ווען א מענטש איז זיך מתודה אויף זיינע עבירות בין איך אים גלייך מוחל און איך פיר זיך מיט אים מיט רחמנות.

### דאס הארבקייט פון טשעפען א חבר

אין די זעלבע צייט זאלסטו זיי אויסלערנען דאס הארבקייט פון טשעפען א חבר; ווייל אויף אלע עבירות קען מען תשובה טון, פון אלע פראבלעמען קען מען ארויסגיין, אבער עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ (יומא פה:), אויב מען טוט וויי א צווייטן העלפט נישט קיין תשובה נאר מען מוז יענעם איבערבעטן און יענער דארף מוחל זיין.

זאלסט אסאך רעדן צו די קינדער זיי זאלן אכטונג געבן נישט וויי צו טון א חבר און נישט לאכן פון א חבר; קינדער זענען קינדער און אז מען רעדט נישט צו זיי דערפון ווייסן זיי נישט, און אז זיי ווייסן נישט קענען זיי נכשל ווערן אין פארשעמען אנדערע קינדער השם ישמרינו און אלעס איז דער מלמד שולדיג, ווייל מען רעדט נישט גענוג פון די הארבקייט פון די עבירה.

### דער שטן ווערט צעטומלט און צעמישט פונעם שופר

לייג אריין אין די קינדער דאס גרויסקייט פון בלאזן שופר, ווי דער שטן ווערט דערפון צעטומלט און צעמישט; א גאנץ יאר גרייט ער זיך אן פעק און זעק פון עבירות, ער ווארט אויף ראש השנה צו קומען טענה'ן קעגן אידישע קינדער און ווען מען בלאזט שופר ווערט ער אזוי דערשראקן, ער מיינט אז משיח איז געקומען און מען גייט אים שוין שחט'ן - לויפט ער אוועק, ער לויפט זיך באהאלטן און דער אייבערשטער איז מוחל אלע עבירות.

עס איז דא אסאך וואס צו רעדן צו קינדער אבער די פאר פונקטן זענען זייער וויכטיג; דאס איז דער עיקר פון אידישקייט, די קינדער זאלן וויסן אז עס איז שטענדיג דא א וועג ווי אזוי מען קען זיך גלייך צוריקקערן צום אייבערשטן און אכטונג געבן אויף אנדערע מענטשן זיי נישט וויי צו טון.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**